# פרשת תזריע כ"ד אדר ב' – א' ניסן תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת תזריע***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי להיכל **'ישיבה קטנה נועם התורה'** שע"י קהלתנו הק', והשמיע דברות קודש לתלמידי הישיבה לרגל נעילת הזמן. - אחר הדרשה התפלל **רבינו שליט"א** תפלת מעריב בהיכל הישיבה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האלט ביי נעילת הזמן, מען ענדיגט ב"ה די ערשטע זמן אין ישיבה. עס איז באמת א שמחה זיך צוגעפונען דא, בשעת די בחורים גייען אוועק מיט אזא גוטע געפיל וואס מען האט אויפגעטון דעם זמן. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין צו שטייגן מער און מער.

**עס** שטייט אין די גמרא (ברכות כח:), אז ווען מען גייט ארויס פון בית המדרש, דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען, ששמת חלקי מיושבי בית המדרש, ולא שמת חלקי מיושבי קרנות, אז דער אייבערשטער האט געגעבן זיין חלק אז ער איז געזעסן אין בית המדרש דעם גאנצן ווינטער, און דער אייבערשטער האט נישט געגעבן זיין חלק צווישן די יושבי קרנות. עס איז דא אסאך ליידיג גייערס וואס זיצען אין די ווינקלען פון די שטאט, און ברענגען אן די צייט, און מען האט די זכיה צו זיצען אין בית המדרש. - אז מען זאגט ששמת חלקי מיושבי בית המדרש, אז מען זיצט אין בית המדרש, ווייסט מען אז מען זיצט נישט אין די קרנות, דארף מען דאך נישט צו זאגן נאכדעם, ולא שמת חלקי מיושבי קרנות.

**נאר** אין בית המדרש אליין איז אויך דא צוויי ערליי סארט יודען וואס זיצען אין בית המדרש. עס איז דא איינער וואס זיצט אין בית המדרש און ער לעבט מיט מיטן לערנען, און וואו עס איז דא עפעס א פלפול, וואו ער הערט א גוט ווארט, לעבט ער מיט צו פארשטיין וואס מען האט געלערנט. און עס איז דא אזעלכע וואס זיצען אין א קארנע"ר, ער דארף קומען אין ישיבה, ער האט נישט קיין ברירה, ער דארף דא זיין, קומט ער אויך, אבער ער איז נישט א חלק, און ער האלט נישט מיט, מיט אלעס וואס טוט זיך אין די כותלי הבית המדרש. **מען גיט א עקסטערע דאנק, אז דער באשעפער האט געגעבן זיין חלק אז ער איז צווישן די יושבי בית המדרש, ער זיצט אין בית המדרש. און אין בית המדרש אליין, איז ער נישט צווישן די יושבי קרנות, וואס זיצען אין א ווינקל, און ער האט נישט א שייכות מיט אלעס וואס מען לערנט, נאר דער אייבערשטער האט געגעבן זיין חלק אז ער האט געלעבט אינעם לערנען, און עס איז אדורכגעגאנגען א זמן, און ער האט ב"ה אזוי פיל אויפגעטון, אזויפיל אנגעקומען.** דארף ער עקסטער דאנקן פארן רבונו של עולם אויףביידע. ששמת חלקי מיושבי בית המדרש, איך בין נישט א ליידיג גייער וואס דרייט זיך ארום אין די גאס, נאר איך זיץ אין בית המדרש. און אין בית המדרש אליין, האט דער אייבערשטער נישט געגעבן מיין חלק אז איך זאל זיין צווישן די יושבי קרנות, וואס זיצען אין א ווינקל, און טוען גארנישט אויף.

*

**מען** גייט אדורך א גאנצן ווינטער, און נאך א לאנגן ווינטער, און מען גייט ארויס מיט אזויפיל תורה וואס מען האט קונה געווען, דארף מען זיך פילן גליקלעך. פילן אז איך האב ב"ה אויפגעטון, איך האב נישט אנגעברענגט מיין צייט, און איך בין געשטיגן. מען זאגט דארט אין די תפלה, אנו עמלים והן עמלים, מיר פלאגן זיך, און זיי פלאגן זיך. אנו עמלים ומקבלים שכר, והם עמלים ואינם מקבלים שכר, אונז פלאג מיר זיך אבער מיר באקומען שכר דערויף, זיי פלאגן זיך און זיי האבן נישט א שכר.

**די** מפרשים טייטשן, אז א גוי ווען ער פלאגט זיך, באקומט ער אויך שכר, קיינער ארבעט נישט אומזיסט. יעדער וואס איז א עמל, באקומט שכר אויף דעם וואס ער האט זיך געפלאגט. עס איז אבער דא א חילוק צווישן איינער וואס פלאגט זיך אויף תורה, און איינער וואס פלאגט זיך אויף עניני עולם הזה. ווען מען גיט ארויס פאר איינעם אז ער זאל מאכן א כלי, ער זאל ענדיגן א זילבערנעם בעכער, און יענער פלאגט זיך, און ער האט נישט

געקענט ענדיגן נאר א האלבן בעכער, וועט עס קיינער נישט קויפן ביי אים. קיינער וועט נישט באצאלן פאר א זאך וואס איז נישט פארטיג. און דער עמל וואס ער האט אריינגעלייגט דערין, גייט לריק, ער האט זיך געפלאגט אומזיסט. אבער ביי תורה איז נישט אזוי. **ביי תורה באצאלט דער אייבערשטער פאר יעדע מינוט וואס א יוד פלאגט זיך אויף תורה. ער איז א עמל אויף תורה, באצאלט אים דער אייבערשטער אפילו ער איז נישט ארויסגעקומען שפעטער, אפילו ער פארשטייט נאך אלץ נישט דעם תוספות, ער פארשטייט נאך אלץ נישט די סוגיא, און אמאל ווען ער האט א שוואכע קאפ, האט ער ניטאמאל משיג געווען גוט אדורכצוגיין די סוגיא, פון דעסטוועגן דאך, דו האסט אריינגעלייגט צייט, דו האסט אריינגעלייגט שעות, דו ביסט געזעסן אין בית המדרש און געלערנט, אויף יעדע מינוט און יעדע רגע וואס מען איז געווען אין בית המדרש און מען האט געלערנט, באצאלט דער אייבערשטער שכר.**

**אנו** עמלים והם עמלים, אונז פלאג מיר זיך, און זיי פלאגן זיך. אבער **אנו עמלים ומקבלים שכר, אפילו אונז האב מיר נישט אויפגעטון, אמאל גייט מען ארויס פון בית המדרש, און מען האט נישט אויפגעטון וואס מען האט געדארפט, אבער איך בין געווען א עמל, איך האב מיך געפלאגט, איך בין אויפגעשטאנען יעדן פארטאגס, איך בין געקומען אין בית המדרש און איך האב געלערנט, איך האב געוואלט פארשטיין, און עס איז מיר נישט געלונגען אז איך זאל קענען פארשטיין אזוי גוט ווי מען האט געלערנט, פון דעסטוועגן דאך באקומט מען שכר.** אבער הם עמלים, עניני עולם הזה וואס א מענטש פלאגט זיך, און ער האט גארנישט אין די הענט, באקומט ער נישט קיין שכר.

**איז** דאך א כל שכן, ווען עס איז נישט נאר אנו עמלים, אז מען פלאגט זיך, נאר מען זעהט פירות פון וואס מען האט זיך געפלאגט. יעדער איינער **ווען עס גייט אדורך א זמן, און ער קוקט צוריק, ווי אזוי האב איך אויסגעקוקט ווען איך בין אריינגעקומען, וויפיל תורה האב איך קונה געווען, וויפיל יראת שמים האב איך קונה געווען דעם זמן, מיין קאפ איז אויסגעשארפט געווארן אין משך פונעם זמן, צו פארשטיין טיפער. אמאל ווען איך האב פארשטאנען די שטיקל גמרא, האב איך פארשטאנען אלף בית. אביי זאגט אזוי, און רבא זאגט אזוי, אבער פונקטליך פארוואס אביי זאגט אזוי און רבא זאגט אזוי, און פארוואס רש"י זאגט אזוי, און תוספות זאגט אנדערש, האט ער נישט משיג געווען די עמקות דערפון. אבער ווען מען זיצט און מען לערנט, יעדן טאג וואס א יוד איז עוסק אין תורה, שארפט זיך אים אויס זיין קאפ, זיין קאפ ווערט טיפער צו פארשטיין די עמקות פון תורה.** יעדע עמל וואס א יוד פלאגט זיך אין תורה, טוט עס אים אויסשארפן דעם קאפ, אז ער זאל קענען שפעטער משיג זיין מער תורה.

*

**אין** הייליגע ספרים שטייט, א יוד איז שטענדיג מתפלל, אז דער אייבערשטער זאל אים געבן, אז ער זאל שטייגען אין תורה און עבודת ה'. עס איז דאך הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים (ברכות לג:), אלעס איז בידי שמים, אויסער יראת שמים. יראת שמים איז א זאך וואס א יוד דארף הארעווען דערויף, אויף דעם איז נישט דא קיין תפלות. און פון דעסטוועגן דאך זעהט מען, אז מען איז מתפלל אז דער אייבערשטער זאל געבן בלבנו בינה, להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות, כאטש את איז הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים.

**א** מענטש האט א בחירה, יראת שמים איז תלוי אינעם מענטש. ווילסט לערנען, לערן, ווילסטו נישט לערנען לערן נישט. דער באשעפער האט איבערגעגעבן פארן מענטש אלעס אין זיין האנט. ווילסט זיך פירן ערליך, דו קענסט זיך פירן ערליך. דו ווילסט זיך נישט פירן ערליך, ער קען עס טון, דער אייבערשטער מישט זיך נישט, ווייל דאס איז דער נסיון פונעם מענטש, לעבן אויף די וועלט מיט א בחירה, און ובחרת בחיים (דברים ל-יט), ער זאל בוחר זיין אינעם לעבן.

**אבער** מען קען מתפלל זיין און בעטן פונעם אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל אים געבן א ליכטיגקייט אין די תורה. דו צווינגסט מיך טאקע נישט צו לערנען, **אבער ווען איך זעץ מיך אראפ לערנען, זאל איך שפירן א מתיקות אין וואס איך**

**לערן. מיין קאפ זאל זיין אפען צו דעם וואס איך לערן, איך זאל פארשטיין וואס איך לערן, איך זאל שפירן א תענוג אין די תורה.** יעדן טאג ווען מען שטייט אויף אינדערפרי, און מען מאכט די ברכה פון ברכת התורה, בעהט מען נישט אז דער אייבערשטער זאל נעמען די תורה און עס אריינלייגען אין קאפ, נאר והערב נא ה' אלקינו את דברי תורתך בפינו ובפיות עמך בית ישראל. 'והערב' איז טייטש, מאך מיר זיס, עריבות, מאך מיר בא'טעמ'ט. איך קען זיך אמאל ארפזיעצן לערנען, און עס קומט אן אזוי שווער, מיט אזא נאכגעלאזקייט, און ער פלאגט זיך, און ער פארשטייט נישט קלאר וואס מען לערנט, אויף דעם איז שייך צו בעטן, אז דער אייבערשטער זאל געבן פאר א מענטש, אז ער זאל שפירן א זיסקייט אין תורה, ער זאל שפירן א זיסקייט אין אהבת און יראת ה', ער זאל שפירן א טעם אין א מצוה, דאס איז שייך אז א יוד זאל מתפלל זיין. והערב נא ה' אלקינו את דברי תורתך בפינו ובפיות עמך בית ישראל, דעמאלטס וועט זיין, כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה. ווען א יוד שפירט א עריבות אין די תורה, איז ער זוכה שפעטער ער זאל משיג זיין, און פארשטיין תורה. - און דאס קומט פון אסאך לערנען, ווען מען איז זיך מייגע אויף תורה, קומט מען סוף כל סוף צו צום עריבות, און צום זיסקייט פון תורה.

*

**א** בית המדרש איז נישט געמאכט געווארן נאר צו לערנען, אין די יונגע יארן דארף מען אויך ארבעטן אויף מדות טובות. יעדער ווערט געבוירן מיט שוואכע מדות, אזוי שטייט אין פסוק (איוב יא-יב) עיר פרא אדם יולד, א מענטש ווערט געבוירן אזוי ווי א בהמה, אומגעלערנט, אומגעצוימט, דאס איז דער מענטש, ווילאנג ער ארבעט זיך נישט אויס. **יעדער מענטש ווערט געבוירן א כעסן, ער בייזערט זיך אויב א זאך איז נישט אזוי ווי ער וויל. יעדער ווערט געבוירן מיט גיאות, שטאלצקייט, מען זאל אים נישט צורירן צו זיין כבוד, מען זאל נישט צורירן צו זיין פרעסטיט"ש. ווען מען זאגט אים א ווארט, און מען האט אביסל צוגערירט צו זיין כבוד, שטערט עס אים, און ער פארלירט זיך. דער אייבערשטער האט אזוי באשאפן דעם מענטש, אז יעדער מענטש האט זיך זיינע שוואכקייטן, זיינע שוועריקייטן אינעם לעבן, און די עבודה פון א יוד איז, זיך אויסצולערנען מוותר צו זיין, און ארבעטן אויף די מדות.** און דאס איז די מוסר וואס מען לערנט אין בית המדרש, מיט דעם טוט זיך א מענטש אויסארבעטן, אז ער באשאפט זיך אליין פאר א מענטש.

**דער ישמח משה** (פ' בראשית) טייטשט, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר די מלאכים, נעשה אדם (בראשית א-כו), לאמיר גיין מאכן א מענטש. רש"י זאגט, נעשה אדם, כאילו דער אייבערשטער האט זיך באראטן מיט די מלאכים, א לשון שאלה, נעשה אדם, יא אדער ניין. זאגט דער **ישמח משה**, ער ברענגט עס צו פונעם **עקרים** (מאמר ג' פרק ב'), ווען א מענטש ווערט באשאפן איז ער נישט א אדם, ער איז אזוי ווי א בהמה. ער ווערט טאקע באשאפן מיט די צורה פון א מענטש, און מיט די כלים וואס א מענטש האט, אבער בעצם איז ער נאכנישט א אדם. א גוי ווערט קיינמאל נישט אנגערופן א אדם, אתם קרויין אדם, ואין אומות העולם קרויין אדם (יבמות סא.).

**ווי** אזוי ווערט א מענטש א אדם. דער אייבערשטער זאגט אים אזוי, איך באשאף דיך, און איך גיב דיר די מעגליכקייט אז דו זאלסט זיך קענען אויסארבעטן, אבער דו מוזט ארבעטן דערויף. ווען דו וועסט ארבעטן, וועסטו ווערן א אדם. א אדם ווערט מען נאר בשותפות, דער רבונו של עולם מיטן מענטש צוזאמען. 'נעשה אדם', אונז צוזאמען גייען מיר מאכן דעם אדם. איך וועל דיר געבן די מעגליכקייט דערצו, און דו לייג אריין די ארבעט דערין. אזוי ווי א מענטש שטעלט צוזאם א ביזנעס, איינער גיט די סחורה, און איינער דארף אריינלייגן די ארבעט דערין, און נאכדעם קומט ארויס די זאך וואס מען וויל טון. דער אייבערשטער גיט די סחורה פאר אונז, אבער אונז דארף מיר אריינלייגען די ארבעט דערין, און דעמאלטס ווערט מען א אד"ם, דעמאלטס ווערט מען א מענטש. און דאס איז די עבודה פון די יונגע יארן, לערנען מוסר, ארבעטן אויף די מדות, יעדער ווייסט אין וועלכע מדה ער האט זיין שוואכקייט, און ער דארף זעהן צו ארבעטן דערויף, און צוביסלעך ארבעט מען זיך אויס די מדות.

**ווי** חשוב עס איז זיך אויסצואורבעטן די מדות, קען מען זעהן פון דעם וואס די גמרא (תענית כה:) פארציילט, אז עס איז געווען אמאל א תענית, און רבי אליעזר האט מתפלל געווען כ"ד ברכות, ולא נענה, און מען האט אים נישט געענטפערט אויבן אין הימל. רבי אליעזר איז געווען פון די גרעסטע תנאים, ער האט געזאגט אויף זיך, שתי זרועותי כשתי ספרי תורות (סנהדרין סח.), זיינע צוויי הענט זענען אזוי ווי צוויי ספרי תורות. און רבי עקיבא איז צוגעגאנגען און ער האט מתפלל געווען, ער האט געזאגט אבינו מלכנו, און עס האט אנגעהויבן צו קומען רעגן. און מען האט געמיינט אז רבי עקיבא איז גרעסער פון רבי אליעזר. רבי אליעזר דאווענט און עס קומט נישט רעגן, און רבי עקיבא דאווענט און עס קומט א רעגן. איז ארויסגעקומען א בת קול פון הימל, און עס האט געזאגט, ניין, נישט ווייל רבי עקיבא איז גרעסער פון רבי אליעזר, אלא שזה מעביר על מדותיו, וזה אינו מעביר על מדותיו. מען רעדט אין פשטות, וויפיל די גמרא זאגט, אז רבי אליעזר איז געווען א שטרענגער, ער איז נישט געווען א מעביר על מדותיו, און רבי עקיבא איז געווען א מעביר על מדותיו, אפילו די מדה זאגט אזוי, האט ער מעביר געווען על מדותיו, ער האט איבערגעארבעט זיינע מדות. און פאר דעם זכות, האט ער זוכה געווען אז זיין תפלה איז נתקבל געווארן, אפילו ער איז נישט געווען גרעסער אין תורה.

*

**עס** קומט בין הזמנים, און עס איז נישט דא א סדר אין ישיבה. אבער **די בין הזמנים איז א צייט ווי א בחור פריוועט זיך, עס איז זיין טעס"ט, וויפיל ער האט אויפגעטון דעם זמן. ער איז טאקע געקומען אין ישיבה א גאנצען זמן און ער האט געלערנט, אבער ער האט נישט געהאט א ברירה, זיין טאטע האט אים געשיקט, און ער קען זיך נישט דרייען אויפן גאס, האט ער געמוזט קומען אין ישיבה, און מיטהאלטן דאס לערנען, ווי דער סדר איז. בין הזמנים איז א בחירה, עס איז פריי, קיינער שטייט נישט אויף דיר, ווען דו לייגסט זיך, ווען דו וועסט אויפשטיין, ווען דו גייסט דאווענען, וועלכע שעה דו ביזט אין בית המדרש. איז דאס די צייט וואס א בחור פריוועט זיך, ווי האלט איך ערגעץ. זעהט מען אז א בחור פירט זיך בין הזמנים אזוי ווי אין די ישיבה, די זעלבע וואס ער איז אויפגעשטאנען אין ישיבה, פרובירט ער אויפצושטיין בין הזמנים. ער איז שטענדיג בזמן צו זיין מנין דאווענען, ער זיצט און ער לערנט מיט א חברותא פארמיטאג און נאכמיטאג, דאס ווייזט אז ער האט עפעס אויפגעטון. אבער אויב מען זעהט אז די בין הזמנים גייט אים אדורך אזוי, צוועלף אזייגער קען ער קומען מיטן תפילין בייטל אונטערן ארעם צוריק פונעם דאווענען, איז עס א גוטע בילד ווי ער האלט.** בין הזמנים איז דא דער זעלבער באשעפער, און די זעלבע תורה, א יוד דארף זיך געוויינען, אז ווען עס קומט דער בין הזמנים זאל ער זיך האלטן צו די סדרים, אזוי ווי ער וואלט זיך געהאלטן אין ישיבה, נאר אין די ישיבה איז עס מיט א עול, און יעצט פיר איך זיך אן א עול.

**און** עס איז נאך טיפער דערפון, בעלי בתים, עלטערן, טאטע און מאמע אליין, ווייסען באמת נישט ווי ווייט א בחור איז מצליח. זיי זענען נישט אין ישיבה, זיי זעהן נישט, זיי הערן נאר גריסן וואס דער מגיד שיעור זאגט, און וואס די חברים זאגן, אבער בעצם זעהן זיי עס נישט מיט די אויגן. די איינציגסטע צייט וואס זיי זעהן מיט די אויגן וואס א בחור איז, איז די ביסל צייט פרייטאג און שבת וואס מען איז אינדערהיים, אבער בעיקר איז עס בין הזמנים, ווען ער איז כמעט א גאנצען חודש אן א ישיבה, און דעמאלטס זעהט ער, וואס איז מיין סחורה. ווען ער זעהט, אז ער קען שלאפן ביז אכט ניין אזייגער, ער עפענט נישט א ספר איבערן טאג, וכדומה, טראכט ער, דאס איז דער וואוילער בחור וואס איך הער א גאנצע זמן וואס מען זאגט אז ער לערנט פלייסיג, און ער קען פיין וכדומה?! קוק ווי אזוי ער זעהט אויס דעם בין הזמנים. אין דעם בין הזמנים דארט באקומען די עלטערן די נחת פון א קינד. ווען עלטערן זעהן אז דאס קינד שטייט אויף נארמאל, און ער גייט דאווענען נארמאל, ער דרייט זיך נישט ארום ליידיג, אלץ מיט א ספר ביי די הענט, דאס איז די נחת וואס עלטערן זעהן ביי די קינדער, אויף וואס זיי פלאגן זיך. דאס איז ביי די עלטערן.

**ווי** אזוי קוקט מען ענק אן אין בית המדרש? ווי אזוי זאגט מען אין בית המדרש צו איינער איז א

גוטער בחור אדער נישט? וואס ער טוט אין ישיבה, ווייסט קיינער נישט. מען קוקט אים אן, ווי אזוי ער זעהט אויס שבת ביים דאווענען, אזוי פסק'נט מען אים אפ וואס ער איז. מען קוקט אים אן בין הזמנים ווי אזוי זיין סדר איז, ווי אזוי ער לערנט, און ווי אזוי ער דאווענט. ווי אזוי ער רעדט איינער צום צווייטן, צו עס איז דיבורו בנחת עם הבריות, דאס גיט די אמת'דיגע בילד אויף א בחור וואס ער איז. און דאס איז די עבודה פון א בחור, ווען עס קומט דער בין הזמנים, וויסען ואהבת את ה' אלקיך (דברים ו-ה) דרש'נט די גמרא (יומא פו.), שיהא שם שמים מתאהב על ידך. א יוד דארף זיך אזוי פירן, אז דעם אייבערשטענ'ס נאמען זאל באליבט ווערן דורך אים. עס איז נישט גענוג אז דו האסט ליב דעם אייבערשטען, נאר מאך אז א אנדערער זאל אויך ליב האבן דעם אייבערשטען. ווען מען זעהט ווי אזוי ער פירט זיך אויף, ווען ער גייט ארויס איז משאו ומתנו באמונה, ער האנדלט ערליך, דיבורו בנחת עם הבריות, מען זעהט אים נישט שרייען, מען זעהט אים נישט לויפן, מען זעהט ווי ער רעדט איידל איינער צום צווייטן, דעמאלטס זאגט מען, אשרי אביו שלמדו תורה, אשרי רבו שלמדו תורה, אזוי קוקט אויס איינער וואס לערנט תורה. און אז נישט, איז עס ח"ו א חילול ה'. - דאס איז די עבודה פון א בחור בין הזמנים, אז ער זאל באליבט מאכן דעם אייבערשטענ'ס נאמען אויף די וועלט, מען זאל זעהן ווי אזוי א בן תורה זעהט אויס.

**ב"ה** מען איז געזעסן א גאנצן זמן אין בית המדרש, מען האט אזויפיל מקבל געווען, יעצט איז די צייט וואס מען זאל עס ארויסברענגען מן הכח אל הפועל. בשעת מען גייט אהיים, און מען איז דארט א גאנצן בין הזמנים, זאל ער פארדעם אפשמועסן זיינע סדרים מיט א חבר. מיט דיר גיי איך לערנען פארמיטאג, מיט דיר גיי איך לערנען נאכמיטאג.

**א** בחור דארף וויסען, אז **אויב ער וויל זיין ערליך בין הזמנים, האט ער נאר צווי אדרעסן ווי צו זיין אין משך פונעם גאנצן טאג. אדער איז ער אינדערהיים, אדער אין בית המדרש. ערגעץ אנדערש זאל ער זיך נישט געפונען. אפילו ווען ער דארף שמועסן, זאל ער קומען אין בית המדרש שמועסן.** [כאטש מען טאר נישט שמועסן אין בית המדרש, אבער ווי איידער זיך ארומצודרייען אויף די גאסן, איז עס חשוב'ער]. וויסען אז דאס איז מיין פלאץ, אדער בין איך אינדערהיים, אדער בין איך אין בית המדרש. דעמאלטס ווייסט ער, אז ער איז אפגעהיטן און ערליך.

**די** נסיונות אויף די גאס איז זייער גרויס. מען דארף נישט זאגן היינט אז די אלע כלים וואס איז דא, אויב מען טשעפעט זיך אמאל אן מיט א קלייניגקייט, אפילו שלא בכוונה, מאכט עס אים קאליע, און ער האט נאכדעם צו ליידן, און ער האט זיך צו פלאגן דערויף, אז ער זאל עס קענען מתקן זיין. **מען דארף זיך פארנעמען, נישט צוצורירן צו איינע פון די כלים וואס איז דא.** עס ברענגט נישט קיין גוטס.

**מען באקומט ב"ה צוריק שיינע גריסן אויף די ישיבה, איבעראל איז עס עושה רושם. און די בעלי בתים וועלן פרובירן אין משך פונעם בין הזמנים עס צו טעסט'ן, קוקן צו דאס וואס מען הערט איז טאקע אמת, אדער עס איז נישט אמת. ליגט א חיוב אויף יעדן איינעם, פאר זיך אליין, אז ער וויל אז מען זאל קענען זאגן אויף אים, אז ער איז געשטיגן אין תורה און אין עבודת ה', זאל ער זיך אנקוקן ווי אזוי ער פירט זיך בין הזמנים.**

*

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז א מצורע וואס איז געווען טמא, און ער האט געדארפט זיצען מחוץ למחנה, בדד ישב מחוץ למחנה מושבו, וטמא טמא יקרא, האט די תורה געהייסען אז בגדיו יהיו פרומים, ער דארף צורייסען זיינע קליידער (ויקרא יג-מה). און ווען ער האט זיך מטהר געווען, שטייט אין די קומענדיגע פרשה, וגלח את כל שערו, ער האט זיך געדארפט אפשערן אלע האר, די פאות און די בארד. כאטש מען טאר נישט, אבער דא איז די מצוה אז ער האט זיך געדארפט אפשערן. און אזוי האט ער געברענגט זיינע קרבנות, און ער איז געווארן טהור. - מען קען זיך אפילו נישט פארשטעלן, ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט ווען א יוד מיט א

שיינע ווייסע בארד וכדומה, איז געווארן א מצורע, און ער איז צוריקגעקומען אין בית המדרש אן זיין פאות און אן זיין בארד. די תורה וויל אונז עפעס לערנען דערמיט.

**די** גמרא (ערכין טז.) זאגט, אז א מצורע קומט ווייל מען היט זיך נישט די מויל. מען רעדט איינער אויפן צווייטן. מצורע, מוציא רע, מען רעדט שלעכטס, מען רעדט לשון הרע. און פאר די לשון הרע וואס מען רעדט, ברענגט דער אייבערשטער אויפן מענטש, אז ער ווערט א מצורע. דו האסט קאליע געמאכט בין אדם לחבירו, דו האסט אוועקגענומען די שלום צווישן איינעם און צווייטן, דו האסט אנגערעדט דעם חבר אויף יענעם חבר, דו האסט אמאל גערעדט בין איש לאשתו, און דו האסט צושטערט דעם שלום בית, ווערט דיין שלום בית אויך צושטערט ווערן, ער מאכט אים א מצורע, און ער זיצט מחוץ למחנה.

**ווען** מען רעדט לשון הרע, איז א חילוק ווער עס רעדט לשון הרע. די זעלבע ווערטער איז א נפקא מינה ווער עס זאגט עס. ווען א יוד זיצט אין ווינקל, א ארחי פרחי, און ער בארעדט איינעם, מאכט זיך קיינער נישט צוטון פון וואס ער האט געזאגט. אבער ווען ער איז א שטיקל בן תורה, און ער רעדט, מאכט עס מער א רושם, אז דער בן תורה האט געזאגט אויף יענעם אזוי און אזוי. ווען ער איז א רב אדער א רבי וכדומה, וואס ער האט א השפעה אויף מער מענטשן, און ער זאגט עפעס א שלעכט ווארט אויף יענעם, איז דער שאדן אסאך און אסאך שווערער.

**קומט** אויס אז ווען מען רעדט לשון הרע, איז נישט נאר אז דער דיבור אליין מאכט קאליע, נאר זיין שיינע בעקיטשע וואס ער האט דעמאלטס אנגעהאט, און זיין שיינע ווייסע בארד, און זיינע שיינע לאנגע פאות, אלעס האט א חלק אינעם לשון הרע, ווייל דאס האט צוגעגעבן צו די בא'טעמט'קייט פונעם לשון הרע, אז עס זאל נתקבל ווערן. און אז מען דארף מתקן זיין, מען דארף אוועקנעמען די זאך וואס האט צוגעברענגט די לשון הרע, זאגט די תורה, נעם דיין בגד און צורייס עס, שער אפ דיין בארד און פאות, דאס אלעס האט א חלק אין די לשון הרע וואס דו האסט גערעדט, אזוי קענסטו האבן א תיקון דערויף.

**מען** רעדט צו בחורים, א בן תורה, וואס זיצט און לערנט. **די תורה זאגט אז מען דארף זיך היטן, מען טאר נישט רעדן קיין שלעכטס, א יוד דארף זיך היטן דאס מויל שטענדיג, נישט רעדן קיין ניבול פה, נישט רעדן קיין שקר, נישט רעדן קיין לשון הרע, עס איז אזויפיל זאכן תלוי אינעם דיבור וואס א יוד דארף זיך היטן. און עס איז אינו דומה ווען א ליידיג גייער רעדט עפעס, צו א בחור רעדט עפעס, עס מאכט מער קאליע. ווען מען רעדט לשון הרע, מען רעדט שלעכטס אויף יענעם, טוט עס וויי, און ווי איידעלער דער בחור איז, און ווי ערליכער ער איז, טוט מער וויי די לשון הרע וואס ער זאגט.**

**עס** איז די וואך די יארצייט פונעם הייליגן **תפארת שלמה**. דער הייליגער **תפארת שלמה** זאגט, מצות תאכל במקום קדוש, בחצר אהל מועד יאכלוה (ויקרא ו-ט). מצות טוט דאך מקדש זיין דעם מענטש וואס עסט עס, עס איז א מאכל דמהימנותא, א מאכל פון אמונה, א מאכל פון א רפואה (זוהר ח"ב קפג:), זאגט די תורה, זעה אז דיין מויל זאל זיין א מקום קדוש. ווען דו עסט די מצות, דו לייגסט אריין די מצה אינעם מויל, זעה אז דו זאלסט עס נישט לייגן אין א טריפה'נעם מויל. לייג עס אריין אין א מויל וואס איז הייליג, דעמאלטס קענען די מצות וואס דו עסט עפעס אויפטון. 'מצות תאכל', די מצות זאלן געגעסן ווערן, 'במקום קדוש', אין א הייליגן מקום. די פה, וואס דארט עסט מען די מצות, זאל זיין א הייליג פלאץ. און ער גיט צו, 'בחצר אהל מועד יאכלוה', אז מען עסט מצות מיט א הייליג מויל, איז כאילו מען זיצט אין ירושלים, אינעם בית המקדש, בחצר אהל מועד, און אזוי עסט מען עס.

**איך** האב אמאל געהערט טייטשן, די ערשטע משנה אין פסחים הייבט זיך אן, אור לארבעה עשר בודקין את החמץ. און די גמרא דינגט זיך, וואס איז די לשון 'אור'. מען איז דאך בודק חמץ ביינאכט, וואס איז דאס 'אור' לארבעה עשר. זאגט די גמרא, אז 'אור' מיינט נאכט, ווייל עס איז דא פלעצער

וואס מען האט גערופן לילה 'אור', און וועגן דעם זאגט די משנה, אור לארבעה עשר בודקין את החמץ. און עס איז דא א גאנצע עמוד גמרא, אז א מענטש דארף זיך אויסקלויבן צו רעדן אייביג מיט א לשון נקיה. און די תורה אליין האט משנה געווען און געשריבן טהורה און לא טהורה, און נישט געשריבן טמאה, ווייל מען דארף רעדן בלשון נקיה. און וועגן דעם האט די משנה אנגעהויבן, אור לארבעה עשר בודקין את החמץ. - גאנץ ש"ס איז פול מיט יום און לילה, פארוואס פונקט אין מסכת פסחים ווען עס קומט פסח, און מען דארף בודק זיין די חמץ, דערמאנט נישט די משנה דאס ווארט 'לילה', נאר ער זאגט אור לארבעה עשר, ווייל לילה איז נישט אזא שיין לשון.

**פסח** איז דאך דער עיקר עבודה מיטן מויל. סיפור יציאת מצרים איז מיטן מויל, אכילת מצה ומרור איז מיטן מויל. און אז מען וויל אז דער מויל זאל קענען פסח אויפטון וואס עס דארף אויפצוטון. די דיבור וואס מען רעדט פון יציאת מצרים, זאל עושה רושם זיין, און די מצות וואס מען עסט, זאל עושה רושם זיין, האט אונז די משנה געלערנט, אז פאר פסח דארף מען מער אכט געבן אויפן מויל. אפילו דיבורים וואס א גאנץ יאר מעג מען רעדן, אבער פסח נוץ נישט די לשון 'ליל' ארבעה עשר, נאר 'אור' לארבעה עשר בודקין את החמץ, צו וויזען, אז בשעת מען גייט אריין אינעם יום טוב דארף מען האבן א לשון נקיה.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן אז מען זאל קענען דורכגיין די טעג ערליך, קענען זיין דבוק אין די תורה הק', און מען זאל שטייגן אין תורה און יראת שמים, און מען זאל אויסוואקסען תלמידי חכמים און יראי ה'. מען זאל קענען מקיים זיין די מצות פונעם יום טוב ווי עס באדארף צו זיין, און דער יום טוב זאל משפיע זיין אויף אונז קדושה וטהרה. דער יום טוב איז א זמן וואס א יוד טוט זיך אנקלויבן מיט אמונה אינעם בורא כל עולמים, זאלן מיר זוכה זיין אלע צו האבן א פרייליכן לוסטיגען יום טוב, און אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **דוב** נ"ו, בן הר"ר **יודל פאסטערנאק** הי"ו, שהתקיים באולם שאפערס העוואן, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך איז די פרשה פון מצורע, די תורה זאגט, אז א מצורע דארף מען ארויסשיקן פון ג' מחנות, בדד ישב מחוץ למחנה מושבו (ויקרא יג-מו), ער דארף זיצען אליין מחוץ למחנה, ער זאל זיך נישט דרייען צווישן כלל ישראל. אין די מפרשים שטייט, אז די ביאור דערפון איז, א מצורע קומט פאר א חטא, על שבעה דברים נגעים באים (ערכין טז.), און א חוטא קען אמאל מכשיל זיין די אלע וואס זענען ארום נעבן אים, אז זיי זאלן אויך נכשל ווערן אינעם חטא. האט די תורה געזאגט, אז א זינדיגער מענטש זאל זיך נישט דרייען צוזאמען צווישן כלל ישראל. אז ער איז שוין אזא בעל חוטא, אז דער באשעפער האט אים געשטראפט מיט צרעת, זאל ער זיצען מחוץ למחנה, און תשובה טון, און ווען עס וועט אוועקגיין די נגע, קען ער צוריקקומען.

**עס** דארף אבער האבן א ביאור, איינע פון די סימנים פון א נגע איז, אז ושערה הפך לבן (שם יג-ג), אז די האר וואס איז דא אין די בהרת איז נשתנה געווארן אויף ווייס, דאס איז א סימן אז ער איז א מצורע, און אויף דעם גיט מען די דינים פון א מצורע, אז ער זאל ארויסגיין מחוץ למחנה. געווענליך ווייסט מען, אז ווייס איז א סימן פון טהרה. עס שטייט אין די גמרא (יומא סז.) אז יום הקדוש איז געווען א חוט השני, און בשעת מען האט משלח געווען די שעיר לעזאזל, און עס איז נתכפר געווארן די עוונות פון בית ישראל, איז נתהפך געווארן די חוט אויף ווייס. ווייס דאס וויזט אויף ערליכקייט. און דא זאגט מען פארקערט, אז ווען עס וועט באקומען א שער לבן, דעמאלטס האט עס א סימן טומאה, און דעמאלטס שיקט מען אים אוועק מחוץ למחנה. פארוואס האט די תורה אראפגעשטעלט אזא סארט סימן, וואס איז די היפך פון וואס עס וויזט. די ווייסע האר וויזט דאך אז עס איז גוט.

**נאר** די ביאור דערפון איז, א חברותא פון א מענטש איז שטארק משפיע אויף די אלע וואס זענען ארום

און ארום. איך האב געזען שטיין פונעם פריערדיגן **בעלזער רב זי"ע**, אז ער האט געזאגט, מען זאגט יעדן טאג ביי ברכת השחר צוויי יהי רצון'ס, און אין יעדן יהי רצון שטייט אנדערע סארט בקשות. אבער איין בקשה איז דא, וואס עס שטייט אין ביידע, עס איז איבערגעחזר'ט צוויי מאל. אז דער אייבערשטער זאל אים מציל זיין 'מחבר רע', ווערט דערמאנט אינעם ערשטען יהי רצון, און עס ווערט נאכאמאל דערמאנט אינעם צווייטן יהי רצון. **ווייל אויף א חבר רע, דארף מען בעטן און מתפלל זיין, הרבה חברותא עושה** (עיין סוטה ז.)**, א שוואכע חברותא, א נישט גוטער חבר, ציהט אראפ דעם מענטש, ביודעים ובלא יודעים, אפילו ער איז נישט דערביי, אבער אז ער דרייט זיך מיט שוואכע מענטשן, ווערט מען נאכגעצויגען נאך זיי.**

**א** רשע גמור, וואס יעדער זעהט זיין רשעות, יעדער זעהט אז ער איז נישט א שומר תורה ומצות, ער איז מחלל שבת בפרהסיא וכדומה, פון אים קלעבט זיך נישט אסאך אן, אויף די וואס זענען ארום און ארום, ווייל יעדער ווייסט אז ער איז אנדערש, יעדער זעהט זיין צורה, און מען ווייסט וואס ער איז. אבער איינער וואס קוקט אויס אזוי ווי דער חבר, ער גייט געקליידט די זעלבע, אבער אינווייניג איז ער פארדארבען, די חברותא איז שטארק משפיע אויף אנדערע, ער קוקט דאך אויס אזוי ווי איך, און עס ברענגט אז מען זאל זיך אראפלערנען איינער פונעם אנדערן'ס מעשים.

**דער** הייליגער **חתם סופר** שרייבט אין א דרשה (לז"ך אלול, ח"ב דף שסד:), אם יהיו חטאיכם כשנים, כשלג ילבינו (ישעיה א-יח), דער פסוק זאגט, אז דער אייבערשטער וועט ווייס מאכן אונזערע עבירות. פארוואס מוז דער פסוק געבן א משל, אז עס וועט זיין כשנים, אזוי ווי רויטע בענדל, דער פסוק וואלט געקענט זאגן, אם יהיו לכם חטאים, אויב איר וועט האבן חטאים, כשלג ילבינו, וועט עס דער אייבערשטער רייניגן. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, אז דאס וואס דער אייבערשטער טוט רייניגן א בעל חוטא ווען ער זינדיגט, איז נאר ווען מען דערקענט זיין רשעות. אבער ווען זיין רשעות איז באהאלטן, און מען דערקענט עס נישט, איז אים דער אייבערשטער נישט מוחל. ווייל דער אייבערשטער וויל, אז מען זאל וויסן אז ער איז א רשע, כדי מען זאל נישט נתפס ווערן נאך אים. נאר ווען מען דערקענט די עבירות וואס ער האט געזינדיגט, דעמאלטס טוט דער אייבערשטער מוחל זיין. 'אם יהיו חטאיכם כשנים', ווען ענקערע חטאים וועלן זיין רויט, מען וועט דערקענען אז מען איז א חוטא, דעמאלטס 'כשלג ילבינו', וועט עס דער אייבערשטער ווייס מאכן. אבער טאמער די חטאים זענען נישט כשנים, עס איז באהאלטענע חטאים, איז נישט דא קיין שלג ילבינו.

**די** תורה האט געוואלט אז מען זאל זיך נישט אפלערנען פון דעם מצורע, האט ער אים ארויסגעשיקט מחוץ למחנה. זאגט אבער די תורה, פון דעם רשע וואס מען ווייסט אז ער איז א רשע, פון דעם דארף מען זיך נישט היטן. אבער פון דעם וואס האט א שער לבן, וואס איז ווייס, וואס ער ווייזט זיך אז ער איז גוט, ער איז ערליך וכדומה, אבער די תורה ווייסט אז ער איז נישט ערליך, איז די תורה מעיד, אז אזא חבר דארף מען ארויסשיקן מחוץ למחנה. נישט ווייל ווייס איז א סימן טומאה, וועגן דעם איז ער טמא, און מען דארף אים ארויסשיקן, נאר ווען איינער איז טמא, אבער זיין סימן וואס ער ווייזט איז א ווייסע סימן, פון דעם דארף מען זיך מער היטן, האט די תורה געזאגט, אז אים דארף מען ארויסשיקן מחוץ למחנה.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בת הר"ר **שמעלקא מעטה** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מרדכי ניימאן** הי"ו, שהתקיים באולם ששון ושמחה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת תזריע***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יודל פאסטערנאק** הי"ו. - אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יעקב לייב קויפמאן** הי"ו (מאנסי). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים והשמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. - אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** לסעודת הברית, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה שטייט די מצוה פון מילה, וביום השמיני ימול בשר ערלתו (ויקרא יב-ג). דער חתם סופר (**בתורת משה** סה:) שטעלט זיך אויף א דיוק, אז דער פסוק זאגט, וביום השמיני ימול 'בשר' ערלתו, די בשר פון די ערלה זאל מען מל'ן, און ביי א גר שטייט אין פסוק (שמות יב-מח) וכי יגור אתך גר וגו', המול לו כל זכר, און עס שטייט נישט דער לשון בשר ערלתו. וואס איז די חילוק, פארוואס ווען א טאטע מל'ט דאס קינד זאגט מען ימול 'בשר' ערלתו, און ווען א גר האט זיך מגייר געווען, זאגט מען נאר סתם, המול לו, אז ער זאל זיך מל'ן. דער **חתם סופר** זאגט על פי דרכו.

**עס** קען אפשר זיין א כוונה דערין. די מפרשים שטעלן זיך אויף די מצוה פון מילה, אז עס איז א פלא'דיגע מצוה. עס איז די איינציגסטע מצוה וואס א יוד איז מקיים בשעת ער איז נאכנישט מחויב אין מצוות. ער איז נאר אכט טאג אלט, עס איז נישט דא זיין כוונה, ער ווייסט אפילו נישט אז מען האט אים געמל'ט. די חשוב'סטע מצוה וואס איז דא אין די תורה, מצות מילה נכרתו עליה י"ג בריתות (נדרים לא:), האט מען אוועקגענומען פון א מענטש וואס איז א בר חיובא, און מען האט עס געגעבן פאר דעם טאטען, אז ער זאל אים מל'ן ווען ער איז א קינד, און דאס קינד איז א אונס, און ער קען גארנישט טון זיך אקעגן צו שטעלן. פארוואס קומט זיך, אז א יוד זאל נישט קענען מקיים זיין מצות מילה כפשוטו.

**עס** קען אפשר זיין א טעם דערויף. מצות מילה האט אין זיך צוויי חלקים, עס איז דא מילת ערלת בשר, וואס מען דארף זיך מל'ן אראפנעמען די ערלה. און נאכדעם איז דאס א התחלה אז א יוד זאל קענען מקיים זיין די צווייטע מצוה וואס איז דא אין די תורה, ומלתם את ערלת לבבכם (דברים י-טז). דאס איז נישט קיין מילת בשר, מען נעמט גארנישט אראפ פונעם הארץ, אבער יעדער איז געבוירן געווארן מיט א פארשטאפט הארץ, ער האט נישט די ריכטיגע השגות פארוואס מען קומט אויף די וועלט, און מען לעבט אויף די וועלט, אז די תכלית איז צו דינען דעם אייבערשטען, און זיך מסגל זיין מצות און מעשים טובים. איז די מצוה ומלתם את ערלת לבבכם, אז א יוד דארף זיך מל'ן די ערלת הלב.

**אין** ירושלים איז געווען א מפורסם'דיגער מוהל, וואס האט געהייסן ר' יוסף דוד ווייסבערג. און ער האט מיר אמאל געזאגט, אז ער איז אמאל געווען אויף א ברית מיטן **גערער רבי**, דער **בית ישראל**. און ווען ער איז אנגעקומען צום ברית, רופט זיך אן דער **בית ישראל** צו אים, ער האט גערעדט אזוי שארף, און ער זאגט אים, יוסל ווען וועסטו זיך אליין מל'ן. ער האט תיכף געכאפט וואס דער **גערער רבי** מיינט, האט ער געזאגט, רבי, עס שטייט (דברים ל-ו) ומל ה' אלקיך את לבבך, עס איז נישט מיין ארבעט, עס איז דעם רבונו של עולם'ס. זאגט דער **גערער רבי**, ניין, עס שטייט (שם י-טז) ומלתם את ערלת לבבכם. ווען דו וועסט טון דיינ'ס, נאכדעם וועט זיין ומל ה' אלקיך את לבבך. - על כל פנים, ומלתם את ערלת לבבכם, איז נישט דעם אייבערשטען'ס ארבעט, עס איז אונזער ארבעט. אבער די מצות מילה פון ערלת הלב קען מען נישט מקיים זיין, נאר אז מען האט קודם מקיים געווען מצות מילה כפשוטו, וואס דאס גיט די כח אז מען זאל קענען נאכדעם מקיים זיין דעם גמר פון די מצוה.

**מיר** ווייסען אז א מצוה ווערט נישט אנגערופן נאר אויף דער וואס איז גומר די מצוה, אין המצוה נקראת אלא על מי שגמרה (סוטה יג:). קומט אויס אז דאס קינד ווערט נישט אנגערופן אז ער איז נימול, ביז ער איז מקיים דעם ומלתם את ערלת לבבכם. און דאס איז ער ערשט מקיים, ווען ער ווערט א גדול. קומט אויס אז ער איז אליין מקיים די מצוה. נישט דער טאטע האט מקיים געווען די מצוה, ווייל מצות מילה איז נאר א התחלה אז ער זאל מקיים זיין נאכדעם דעם ומלתם את ערלת לבבכם, און אויב ווען ער ווערט ערוואקסען איז ער מקיים דעם ומלתם את ערלת לבבכם, דעמאלטס ווערט למפרע גערעכנט ווי ער האט מקיים געווען

די מצוה פון מילה, ווייל אין המצוה נקראת אלא על מי שגמרה. קומט אויס, אז מען האט נישט אוועקגענומען פון א יוד די מצוה פון מילה, ווייל ווען ער איז שפעטער מקיים דעם ומלתם את ערלת לבבכם, דעמאלטס ווערט אנגערופן אז ער האט מקיים געווען די מצוה פון מילה, ווייל די מצוה ווערט אנגערופן על מי שגמרה.

**וועגן** דעם זאגט מען אין די הרחמן'ס, 'מיום השמיני והלאה ירצה דמו, ויהי ה' אלקיו עמו', נישט 'ביום' השמיני, ווען מען האט אים גע'מל'ט, דעמאלטס איז ירצה דמו, נאר 'מיום' השמיני והלאה, שפעטער נאכן יום השמיני, ווען ער וועט שפעטער טון וואס ער דארף צו טון, דעמאלטס וועט זיין ירצה דמו, וועט ער מקיים זיין מצות מילה למפרע, און דעמאלטס ויהי ה' אלקיו עמו, וועט ער זיין צוזאמען מיטן אייבערשטען.

**קומט** אויס, אז ווען מען מל'ט א קינד ביום השמיני, איז נאר ימול 'בשר' ערלתו, די בשר פון די ערלה, דאס איז מען מקיים ביום השמיני, אבער צו מל'ן די אמת'דיגע ערלה, וואס דאס איז ערלת לבבכם, דאס איז נישט ביום השמיני, דאס איז שפעטער. האט די תורה נישט געשריבן אז ביום השמיני ימול ערלתו, אז די אכטע טאג זאל ער זיך מל'ן, ווייל ער איז נישט מקיים דעמאלטס די מילה בשלימות. די מצוה פון מילה וועט ער מקיים זיין שפעטער, ווען ער וועט עס גומר זיין. ביום השמיני ימול 'בשר' ערלתו, יעצט מל'ט ער זיך נאר די בשר פונעם ערלה, און דאס גיט אים די כח אז ער זאל שפעטער קענען מקיים זיין מצות מילה כפשוטו, ווען ער וועט זיך מל'ן ערלת לבבו.

**דאס** איז ביי א יודיש קינד, וואס מען מל'ט אים ביי די אכט טאג. אבער ביי א גר איז פארקערט, א גר איז דאך קודם געווען א גוי, און ווי אזוי איז ער אריינגעקומען צו ווערן א גר, דורך דעם וואס ער האט קודם מקיים געווען ומלתם את ערלת לבבכם, עס האט זיך אים קודם גע'עפענט דאס הארץ, און ער האט פארשטאנען אז לעבן ווי א גוי, אן א תכלית, איז נישט א לעבן. ביז ער איז צוגעקומען צו די השגה, אז ער וויל זיך מגייר זיין, און מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים. קומט אויס, אז ביי א גר איז מען נישט מקיים קודם דעם מילת ערלת בשר, און נאכדעם קומט דער מילת ערלת הלב, נאר ער הייבט אן פארקערט. ער הייבט אן מיט די מילת ערלת הלב, און נאכדעם ווען ער וויל אריינקומען אינגאנצן אין כלל ישראל, מוז זיין מילת ערלת בשר. וועגן דעם שטייט נישט ביי א גר אז מען זאל מל'ן ערלת בשרו, ווייל ביי א קטן וואס מען מל'ט אים ביום השמיני נאר דעם ערלת בשר, און שפעטער קומט צו נאך א מילה, זאגט מען אז יעצט מל'ט מען דעם ערלת בשר, און שפעטער וועט ער מל זיין דעם ערלת הלב. אבער א גר וואס איז זיך מגייר, און ער האט אנגעהויבן מיט ערלת הלב, ווען ער איז זיך מל דעם ערלת בשר, איז ער דעמאלטס גומר די גאנצע מילה, שטייט נאר המול לו כל זכר, און עס שטייט נישט בשר ערלתו, וועל ער איז דעמאלטס גומר די גאנצע מילה, מילת ערלת בשר, און מילת הלב.

*

בשעות הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** אסיפה עם חברי בי"ד המיוחד לעניני טעכנעלאגיע שע"י איחוד הקהילות, **כ"ק האדמו"ר מגאלאנטא שליט"א** (וומסב"ג), **הגה"צ רבי בנימין לאנדא שליט"א** - דומ"ץ טאהש (ב"פ), **הגה"צ רבי מנחם מאיר ווייסמאנדעל שליט"א** – אב"ד נייטרא (מאנסי), לדון בעניני הטעכנעלאגיע.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת אבראהאם ע"ה (אלמנת הר"ר **נח אבראהאם** ע"ה).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יצחק וויס** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **יעקב יחזקי' קליין** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת תזריע***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **לייבוש דרומער** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **נפתלי פריעדמאן** הי"ו (בן הר"ר **לוי יצחק פריעדמאן** הי"ו, ב"פ), עב"ג בן הר"ר **יואל ווייס** הי"ו (בן הר"ר **בערל ווייס** הי"ו, לאס אנדזעלעס), שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת תזריע***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של החתן **אברהם חיים אליהו** נ"ו בן הר"ר **שרגא צבי פישמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **בן ציון טיבערג** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין. - אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה ורקד עם החתן לפני הכלה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת תזריע***

אחר תפלת שחרית בישיבה גדולה, השמיע **רבינו שליט"א** לתלמידי הישיבה דברי הדרכה לנעילת הזמן.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האלט סוף זמן, קודם דארף מען אפגעבן א שבח והודיה פארן רבונו של עולם, אז מען האט ב"ה גע'ענדיגט א זמן. מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען, ששמת חלקי מיושבי בית המדרש, ולא שמת חלקי מיושבי קרנות. דאנקען דעם אייבערשטען, אז מען האט געהאט די זכיה צו זיצען אין בית המדרש א גאנצן ווינטער, א לאנגן ווינטער, שלא שם חלקנו כהם וגורלנו ככל המונם, מען דארף זיך נישט דרייען אויף די גאסן צווישן אומות העולם, צווישן גוים, נאר מען זיצט און מען לערנט און מען דינט דעם אייבערשטען. נישט אייביג פארשטייט א בחור די אמת'דיגע מעלה פון דעם ששמת חלקי מיושבי בית המדרש, אבער ווען ער וועט אביסל עלטער ווערן, וועט ער פארשטיין די אמת'דיגע הודאה וואס ער דארף געבן אויף יעדע מינוט וואס ער האט געקענט זיין אין בית המדרש, און נישט זיין אינדרויסן.

**עס** קומט בין הזמנים, ביי פשוטע קינדער, צו ביי גאר יונגע בחורים, איז דער בין הזמנים כאילו מען גייט ארויס פון תפיסה, און מען נעמט א וויקעשא"ן. א גאנצע זמן האט מען געלערנט, און מען דארף זיך אביסל צושטרייען, מען נעמט אראפ א חודש פון עבודת ה'. דאס איז ביי קליינע קינדער וואס פארשטייען נישט וואס עס מיינט צו זיצען אין בית המדרש. ביי בחורים אין די יארן, איז דער בין הזמנים נישט א צייט וואס מען גייט אוועק פונעם בית המדרש, און מען נעמט וויקעשא"ן פון לערנען, עס איז נישט דא קיין שום צייט וואס איז פריי פון לימוד התורה. **ווען מען גיט אפ א חשבון אויף ביטול תורה, איז נישט קיין נפקא מינה וועלכע טאג פון יאר עס איז, יעדע צייט וואס א מענטש קען זיצען און לערנען און ער לערנט נישט, איז דא דערויף א חשבון. און עס וועט קומען אמאל א טאג וואס מען וועט זיך פאררעכענען אויף די אלע זמנים.** א בחור דארף האבן א תשוקה צו תורה, צו עס איז בין הזמנים, צו עס איז אינמיטן פונעם זמן. מען דארף שטענדיג וויסען, כי הם חיינו ואורך ימינו, מיר האבן נישט עפעס אנדערש נאר תורה, און מען דארף אויסנוצן די צייט צו זיצען און צו לערנען. עס איז טאקע נישט דא די עול וואס די ישיבה גיט, אבער די אייגענע עול, די עול מלכות שמים, דארף א מענטש האבן.

**עס** קומט דער בין הזמנים, און מען דארף יעצט מאכן א סדר פאר זיך, אויסשטעלן וואס ער גייט טון דעם בין הזמנים. ווער וועט זיין זיין חברותא פארמיטאג, ווער וועט זיין זיין חברותא נאכמיטאג. **דער בין הזמנים טאר נישט אויסקוקן קיין משהו אנדערש פון א זמן אין ישיבה. די סדרים וואס איז דא אין ישיבה, וואס איז מיט אן עול, דארף ער יעצט נעמען אויף זיך אן א עול. אויפצושטיין נארמאל, עס איז א חילול ה' ווען מען זעהט ווי א בחור דרייט זיך ארום מיט זיין תפלין בייטל, ניין צען, און עלעף**

**אזייגער. פארוואס? האט ער דען געדארפט ארבעטן א גאנצע טאג?! פארוואס זאל ער נישט אויפשטיין צופרי נארמאל, ליינען קריאת שמע, דאווענען תפלה בזמנה, און אזוי ווייטער. מען דארף זיך יעצט אויסשטעלן, איך וויל פירן דעם בין הזמנים פונקט ווי אין די ישיבה, מיטן זעלבען סדר, אן א עול.** מען דארף האבן א אייגענע עול צו לערנען.

**און** עס איז א זמן וואס מען פרובירט זיך אליין, ווי מען האלט. **אין ישיבה האט מען אייביג תירוצים, איך בין נישט דער שולד, נאר די ישיבה איז די שולד, דער מגיד שיעור איז דער שולד, דער מנהל איז דער שולד, דער חבר איז דער שולד. עס איז בין הזמנים, דו האסט נישט קיין ישיבה, דו האסט נישט א מנהל, דו האסט נישט א מגיד שיעור, האסט נישט א חבר, ווי ביזטו? און אז מען נוצט נישט אויס דעם בין הזמנים ווי עס דארף צו זיין, איז א סימן אז ביי דיר ליגט דער פעלער.** דו האסט נישט די אלע תירוצים וואס איז דא ארום און ארום, וואר שטערט דיך פון צו זיצען א גאנצן טאג און לערנען. נאר עס איז א סימן, אז ביי דיר פעלט דער חשק צו תורה. דער בין הזמנים דארף צו זיין, אז ער טעס"ט זיך אליין, ווי האלט איך אליין. ווי אזוי קוק איך אויס, ווען מען שטייט נישט איבער מיר.

**עס** איז א בין הזמנים פון פיר וואכען, מען דארף האבן פאר זיך א סדר וואס ער וויל אנקומען ביזן סוף פונעם בין הזמנים. צו מען נעמט אויף זיך אדורכצולערנען א מסכת, צו מען חזר'ט איבער וואס מען האט געלערנט פון פארדעם. יעדער איינער, מה שלבו חפץ, וואס ער האט א חשק צו לערנען, זאל ער יעצט מאכן זיינע סדרים. איך גיי דאווענען אין א נארמאלע צייט, איך גיי עסן פרישטאג, און נאכדעם זיצען און לערנען. מען האט מסדר געווען ביי אונז אין שול א סדר אז מען זאל קענען זיצען און לערנען, עס זאל זיין א קול תורה, און ווער עס קען, דארף זיך צושטעלן צו דעם סדר. אבער אפילו עס קומט אים אויס שווער צו לערנען דא, עס איז נישט קיין נפקא מינה, נישט דאס איז דער ציל, די ציל איז, נישט אנצובערענגען דעם בין הזמנים, נאר זיצען און לערנען און דאווענען, און זיך פירן ווי א יוד דארף זיך צו פירן.

**פון** די אנדערע זייט, אויב א בחור איז עס נישט מקבל אויף זיך, וועט דער סוף זיין, אז דער בין הזמנים קען אראפפירן דעם בחור אינגאנצן פונעם יודישן וועג. אויב האט ער נישט אויף זיך דעם עול תורה, ער איז הפקר, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין. אין די היינטיגע וועלט, אויב א בחור האט נישט אויף זיך עול תורה, קען עס אים מיט איין קלייניגקייט אראפפירן, וואס ער וועט זיך נאכדעם דארפן פלאגן יארן, אז ער זאל קענען מתקן זיין איין בין הזמנים. און דער אייבערשטער זאל אים העלפן אז ער זאל זיך קענען ארויסזעהן דערפון. **יעצט דארף מען האבן א קבלה אויף זיך, אז די אלע כלים טעכנאלאגיים וואס איז דא היינט, וואס עס איז כמעט נישטא, אין גם אחד, וואס מען קען זאגן אז עס איז כשר. אלעס האט אויף זיך זאכן וואס על כל פנים פאר א בחור איז עס וואס ער דארף עס נישט האבן. זאל מען מקבל זיין אויף זיך, נישט צוצורירן דערצו. די כלי איז ביי מיר טריפה אזוי ווי חזיר, זיך מאכן גדרים וסייגים, נישט האבן מיט דעם קיין שייכות, נאר אויסנוצן די צייט צו זיצען און צו לערנען.**

**איך** זאג אלעמאל, אז א בחור האט נישט וואו צו זיין אין משך פונעם בין הזמנים, מער ווי אויף צוויי פלעצער. אדער ביי זיך אין שטוב, אינדערהיים פון די עלטערן, אדער אין בית המדרש. אויסער די צוויי מקומות, איז נישטא ווי א בחור זאל זיך דארפן געפונען. אפילו ווען ער דארף שמועסן, זאל ער שמועסן אין בית המדרש, און זיך נישט ארומדרייען אין קיין שום מקום. אדער בין איך אינדערהיים, אדער בין איך אין בית המדרש, אזוי איז ער על כל פנים אפגעהיטן ווי ווייט מעגליך מען קען.

*

**איך האב באמת א הכרת הטוב פאר די בחורים וואס זענען געבליבן דא דעם זמן, אז זיי האבן געהאלפן אויפצובויען א נייעם מקום תורה.** איך האב די וואך געזען, עס איז דא א ספר פון **רבי אליקים שלעזינגער שליט"א** (ראש ישיבת הרמה לאנדאן), עס הייסט '**הדור והתקופה**'. שרייבט ער דארט בתוך הדברים (דף כב), אז דער **בריסקער רב** פלעגט צו זאגן, אז א בחור וואס גייט לערנען אין א ישיבה וואס מען עפענט אויף פון ניי, און ער

פראבירט עס מחזק זיין, האט א ספעציעלע סייעתא דשמיא אין זיין לעבן שפעטער, ווייל ער האט צוגעהאלפן פאר א מקום תורה. די הצלחה פון א בחור איז נישט אייביג דאס לערנען, מען דארף האבן זייטיגע סייעתא דשמיא אויך, אזוי פלעגט ער צו זאגן (ועיין שם עוד). על כל פנים, עס איז דא א סייעתא דשמיא, אז מען האט געהאלפן אז מען זאל אויפשטעלן דעם מקום תורה, וועט עס אוודאי ביישטיין אויף שפעטער אויך.

**כל** התחלות קשות. **ביי א בחור, איז די התחלה פון אריבער גיין פון א ישיבה קטנה צו א ישיבה גדולה נישט אזוי גרינג. פארוואס? ווייל אין ישיבה גדולה פארלאנגט זיך צו לערנען טיפער, ווי מען האט געלערנט פארדעם. עס פארלאנגט זיך מער עיון, און מער ליגען אינעם לערנען. עס פארלאנגט זיך אז מען זאל קענען אליין אפלערנען א סוגיא, אפלערנען א בלאט גמרא תוספות אליין, און דעם וואס מען זאל דארפן פארלערנען, נאר זיך אליין פלאגן אדורכאקערן יעדע בלאט גמרא מיט תוספות פאר זיך אליין, און דאס איז נישט אזוי גרינג פאר יעדען.** ביי אונז איז עס ממש כל התחלות קשות, עס איז געווען א התחלה פון עפענען, און יעדע התחלה קומט מיט שוועריקייטן. אבער איך מיין, אז מיר זענען אדורכגעגאנגען די התחלה. און איך האף מיטן אייבערשטענ'ס הילף אז חפץ ה' יצליח, להגדיל תורה ולהאדירה.

**דער** קומענדיגער זמן איז אסאך א קורצערער זמן פון דעם זמן. דער זמן איז געווען א לאנגער זמן פון זעקס חדשים, דער קומענדיגער זמן איז נישט מער פון פיר חדשים, וויניגער פון צוויי חדשים ביזן קעמפ, און צוויי חדשים אין קעמפ. די קעמפ ווייסט דאך יעדער איינער, וואס פאר א שיינער מקום התעלות עס איז פאר א בחור. ווען ער וויל שטייגען, קען ער אויסנוצן די צוויי חדשים צו שטייגן אין תורה און אין עבודת ה', און אין מדות טובות, א שבת קודש, מיט אלעם ארום און ארום. מען פארט נישט, מען גייט נישט, מען זיצט אויף איין פלאץ, און מען נוצט עס אויס.

*

**עס** קומט אזא הייליגער יום טוב פסח, וואס מען קען זיך זייער אסאך קונה זיין פון די קדושה פונעם יום טוב, פון די אמונה וואס פסח ברענגט מיט זיך מיט. **מען זיצט אסאך אין שטוב, מען איז אסאך צוזאמען מיט די עלטערן, עס איז דא סעודות, שבתים און ימים טובים, דארף זיך יעדער בחור צוגרייטן, אז ער זאל האבן דברי תורה וואס צו זאגן ביים טיש. צו איז דאס א דבר אגדה פון פסח, צו איז עס א הלכה פון פסח, עס איז נישט קיין נפקא מינה. יעדע סעודה וואס מען זיצט ביי א טיש אינדערהיים, דארף א בחור האבן גרייט א דבר תורה וואס ער זאל קענען זאגן ביים טיש.** עס האט אן אנדערע צורה די גאנצע סעודה, און עס האט אן אנדערע צורה דער בחור אליין, ווי אזוי זיינע עלטערן, זיין טאטע און זיין מאמע, און זיינע געשוויסטער קוקען ארויף אויף אים. עס איז דא גענוג צייט, יעדער איינער קען זיך צוגרייטן אין משך פון די הכנות פון פסח, אז מען זאל קענען זיצען בים טיש, און עס זאל זיין א תורה'דיגע שמועס, און נישט מיט נארישקייטן.

**יעדער** איינער ווייסט אז מען דארף העלפען אין שטוב. די איינציגסטע צייט וואס מען קען מקיים זיין כיבוד אב ואם, איז די צייט פון בין הזמנים. א גאנץ יאר קומט כמעט נישט אויס, אז מען זאל האבן צו טון מיט די עלטערן, און כבד את אביך ואת אמך איז א מצוה וואס ליגט אויף יעדען איינעם. די גמרא (קידושין לא.) זאגט, ווי שווער עס איז מקיים צו זיין די מצוה. **על פי הלכה (עיין שו"ע יו"ד סימן ר"מ) ווען א טאטע אדער א מאמע קומען אריין אין שטוב דארף מען זיך אויפשטעלן אינגאנצן, מלא קומתו, על כל פנים איין מאל אין טאג. אזוי זאגט די תורה. און כל שכן ווען א טאטע אדער א מאמע בעטן עפעס, זאל מען נישט זאגן, באלד, מארגען, זאל עס יענער טון, נאר טון תיכף. און ח"ו פון צוריקענטפערן א ווארט פאר א טאטע אדער א מאמע, וואס מען דארף נישט צו רעדן.** די נסיון פונעם בין הזמנים איז, כיבוד אב אין שטוב, און לערנען אין בית המדרש.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל האבן א פרייליכן און לוסטיגן יום טוב, קענען חוגג זיין דעם יום טוב מתוך שמחה וטוב לבב, און מען זאל היינט

אוועקגיין פונעם בית המדרש מיט גוטע קבלות, ווי אזוי מען זאל זיך אויסשטעלן דעם בין הזמנים שפעטער, זאלן מיר אלע האבן א פרייליכען לוסטיגן יום טוב.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל האסיפת התעוררות לחברי קהלתנו הק' בבארא פארק, שהתקיים בבית מדרשנו הגדול. אחר תפלת יום כיפור קטן נשאו דברים **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא, **והרה"ג דומ"ץ דקהלתנו בב"פ שליט"א**. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט שוין פריער ארויסגעברענגט פארוואס מען איז זיך צוזאמגעקומען, תפלה בעת צרה, עס האט זיך געמאכט ביי אונז אין די קהילה אזא פאל, ליגט אויף יעדן איינעם א פליכט זיך נישט פורש צו זיין מן הציבור, און מתפלל זיין, און בעטן פונעם אייבערשטן אויף רפואות און ישועות וואס עס פעלט אויס.

**מען** געפינט די וואך אין די פרשה פון נגעים, אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת או בהרת, והיה בעור בשרו לנגע צרעת, א יוד באקומט א נגע, והובא אל אהרן הכהן או אל אחד מבניו הכהנים (ויקרא יג-ב), זאגט די תורה, אז מען זאל אים ברענגען צו אהרן הכהן, אדער צו איינע פון זיינע קינדער די כהנים. און די תורה גיט די הלכות, אז דער כהן זאל באקוקען דעם נגע, און דער כהן זאל אפ'פסק'נען דעם מענטש, וואס ער דארף צו טון.

**די** גמרא (חולין ז.) זאגט, אין אדם נוקף אצבעו מלמטה, אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה. יעדע זאך וואס א מענטש גייט אדורך, איז נישט קיין מקרה, אז עס האט פאסירט אז ער איז ל"ע נישט געזונט, עס האט פאסירט א אומגליק. עס איז נישט דא קיין זאך וואס פאסירט אויף די וועלט, וואס איז נישט אויסגערעכענט מיט א חשבון פון אויבן אין הימל. יעדע קלאפ אין א פינגער וואס א מענטש באקומט, איז עס מיט אן הכרזה פון אויבן אין הימל.

**און** די סיבה פארוואס דער אייבערשטער ברענגט עס איז, ווייל דער אייבערשטער וויל מעורר זיין דעם מענטש, אז ער זאל זיך צוריקקערן צום אייבערשטען. אמאל איז דא וואס דער מענטש אליין האט זיך עפעס פארזינדיגט, ער האט געטון א זאך וואס מען דארף נישט, און ער איז זיך נישט משים לב אויף וואס ער טוט, טוט אים דער אייבערשטער ברענגען א געוויסע צער, א געוויסע צרה, און דורך דעם ווערט ער נתעורר, אז ער זאל זיך צוריקקערן צום אייבערשטען.

**אמאל** איז אבער דא וואס דער מענטש איז אינגאנצען אומשולדיג, עס האט גארנישט צו טון מיט אים, ער איז נאר א קרבן פונעם ציבור. אנשטאט מען זאל שטראפן דעם גאנצען ציבור, האט דער אייבערשטער גענומען איינעם, און ער שטראפט אים, אבער די סיבה דערפון איז נישט ער, דער סיבה איז דער ציבור. און אזוי שטייט אין די גמרא (ב"ק ס.), כי תצא אש ומצאה קוצים ונאכל גדיש או הקמה (שמות כב-ה), זאגט די גמרא, אין הפורעניות בא לעולם אלא בזמן שהרשעים בעולם, א פורעניות קומט וועגן רשעים וואס האבן געזינדיגט, ואינה מתחלת אלא מן הצדיקים תחלה, עס מיינט נישט אז עס הייבט זיך אן ביי דעם רשע, אסאך מאל פעהלט גארנישט פאר דעם רשע, און עס הייבט זיך אן פון די צדיקים, שנאמר כי תצא אש ומצאה קוצים ונאכל גדיש, דער נאכל איז שוין געווען קודם ביי דעם גדיש. און אז עס האט פאסירט, איז עס מיט א הכרזה פון אויבן אין הימל. מען האט פון הימל אזוי צוגעפירט, אז עס זאל אזוי פאסירן.

**עס** שטייט אין מדרש (ויק"ר יז-ד), אין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחלה, א מענטש באקומט נישט א פראבלעם תיכף אין זיין נפש. נגעים האט אויך א סדר, עס הייבט זיך נישט אן מיט נגעי אדם, עס איז דא קודם נגעי בתים, און נגעי בגדים, און נאכדעם איז דא נגעי אדם. די ערשטע זאך וואס דער אייבערשטער שטראפט דעם מענטש, הייבט זיך עס אן אין זיין הויז, ער באקומט א נגע אינעם בית. ער באקומט א נגע אין זיין ביזנעס, עס הייבט זיך אן א התרשלות אין זיין פרנסה. און דער וואס האט שכל, איז ער זיך משים אל לבו תיכף ביי די

ערשטע מאל ווען ער באקומט דעם נגע, וואס ער דארף צו טון. אז עס העלפט נישט די נגעי בית, קומט עס נאנטער צום מענטש, און עס קומט א נגע אויף זיין בגד. און טאמער ער ווערט נאך אלץ נישט נתעורר, ערשט דעמאלטס קומט א נגע אויפן אדם. ווען עס קומט שוין א נגע אויפן אדם, איז טייטש אז דער מענטש האט זיך נישט געגוג מתבונן געווען פארדעם, ווען ער האט באקומען די ערשטע סיגנאל פונעם אייבערשטען, אז עפעס איז נישט אין ארדענונג.

**און** אז מען גלייבט אז אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז מיט א חשבון, ווייל מען דארף מתקן זיין די מעשים, פארשטייט ער, אז דער עיקר איז נישט צו זוכן א רפואה ביי א דאקטער, ווייל דאס איז נאר אזוי ווי מען לייגט א צודעק אויף די מכה. עס איז דא א אינעווייניגע סיבה פארוואס דאס איז געקומען, און ביז מען וועט נישט אוועק נעמען די סיבה פארוואס דאס איז געקומען, אזוי לאנג וועט זיך די מכה נישט אויסהיילן. און ער ווייסט, אז דער עיקר איז מתפלל צו זיין, און בעטן פונעם אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל זיך מרחם זיין, און דער באשעפער זאל שיקן די רפואה. און טראכטן ביי זיך אליין, וואס קען איך טון מתקן צו זיין מיינע מעשים. יעדער איינער קען ביי זיך טרעפן א געוויסע נקודה וואס ער איז שוואך, און נעמען אויף זיך, זיך אביסל מער משתדל זיין, און טון פארן אייבערשטענס וועגן.

*

**די** הפטורה די וואך פרשת תזריע, איז די הפטורה פון נעמן (מלכים ב ה-א). נעמן איז געווען א שר צבא פון ארם, און ער איז געווען א מצורע. און מען האט אים געזאגט, אז עס איז דא א נביא, וואס מען קען קומען צו אים, און דער נביא קען היילן. איז ער געגאנגען צו דעם נביא, צו אלישע איש אלקים, און ער האט זיך פארגעשטעלט אז ער איז א מצורע, און ער דארף א רפואה. האט אלישע אים געשיקט זאגן, 'הלוך ורחצת שבע פעמים בירדן', זאלסט זיך גיין וואשען זיבען מאל אינעם ירדן, 'וישוב בשרך לך וטהר', וועט צוריק קומען דיין בשר אזוי ווי עס איז געווען פארדעם, און די וועסט זיין ריין.

**דער** נעמן האט זיך געבייזערט, איך האב געמיינט אז דער איש האלקים וועט ארויסקומען צו מיר, 'וקרא בשם ה' אלקיו, והניף ידו אל המקום ואסף המצורע', ער וועט מיר מאכען עפעס א מופת, ער וועט אויפהייבן די הענט, און דורך דעם וועט אוועקגיין די צרעת, און דערווייל זאגט ער מיך, איך זאל מיך גיין באדען אינעם ירדן, איך האב אנדערע רפואות אויך, 'הלא טוב אמנה ופרפר נהרות דמשק מכל מימי ישראל', ביי אונז אין די געגנט איז דא בעסערע וואסערן ווי דער ירדן, וואס שיקט ער מיך אין דעם ירדן, 'וילך בחמה', ער האט זיך געבייזערט, און ער איז אוועקגעגאנגען.

**האבן** די עבדים אים געזאגט, 'אבי, דבר גדול הנביא דיבר אליך', ווען דער נביא וואלט גערעדט צו דיר א גרויסע זאך, 'הלוא תעשה', וואלסטו עס דאך געטון, 'ואף כי אמר אליך רחץ וטהר', ער זאגט דיר, גיי וואש דיך אפ וועסטו ריין ווערן, פארוואס זאלסטו אים נישט פאלגען. איז ער אראפגעגאנגען, און ער האט זיך געוואשן זיבן מאל אינעם ירדן, 'וישב בשרו כבשר נער קטן', די קערפער האט זיך אים געטוישט אזוי ווי א נער קטן.

**עס** שטייט פון **ייטב לב** (בספרו **רב טוב**), אז ער האט אים אזוי געזאגט. ווען עס איז דא א נגע, איז נישט די עצה צו זוכען דערויף א רפואה, נאר די עצה דערויף איז, אז מען דארף וויסן פארוואס דו האסט באקומען די נגע, און דאס מתקן זיין. די גמרא (ערכין טז.) רעכנט אויס, על שבעה דברים נגעים באים, זיבן ערליי זאכן איז דא, וואס קען ברענגען א נגע. האט ער אים געזאגט, אז דו ווילסט ווערן ריין פון דעם נגע, גיי אראפ אינעם ירדן, און טובל דיך זיבן מאל. ער האט געמיינט צו זאגן, וואש דיך אפ פון די זיבן זאכן וואס ברענגען די נגעים, וטהר, וועסטו ווערן ריין. ער האט אים נישט געזאגט די וועסט געהיילט ווערן, נאר וטהר, דו וועסט געריינט ווערן פון וואס דו דארפסט זיך רייניגן, פון די זיבן זאכן וואס האבן געברענגט די נגעים, און דעמאלטס וישב בשרו כנער קטן, וועסטו ווערן אזוי ווי א נער, אזוי ווי א יונג קינד, ווייל א בעל תשובה ווערט אזוי ווי א קטן שנולד.

**נעמן** האט אבער פארשטאנען אז מען מיינט פשוט, זיך וואשן זיבן מאל אינעם וואסער. האט מען אים געזאגט, אז דער נביא האט דיר געזאגט א דבר גדול. ער האט נישט געמיינט סתם זיך וואשן, ער האט געמיינט, אז טאמער וועסטו מתקן זיין דיינע מעשים, וועסטו זעהן אז דער אייבערשטער וועט דיר העלפן, און דו וועסט געהיילט ווערן. און אזוי איז געווען.

**ווען** עס איז דא א פאל וואס מען איז ל"ע נישט געזונט, צו עס מאכט זיך א אנדערע פראבלעם אינעם שטוב. אוודאי דארף מען זוכען צו היילן בדרך הטבע. נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט עס שוין צוגעשיקט, מוז מען טון השתדלות בדרך הטבע זיך צו היילן. אבער נישט לייגן דעם קאפ אויף די רפואה, נאר לייגן דעם קאפ אויף תפלה. מתפלל זיין, און מתקן זיין די מעשים וואס מען האט געזינדיגט, דעמאלטס וועט ממילא העלפן די אלע זאכן וואס מען טוט. א רפואה פון א דאקטער, אמאל געלונגט עס, און אמאל געלונגט עס נישט, וואו אזוי מען רופט אויס אויבן אין הימל. דאס אז מען זאל אויסרופען אין הימל אז די רפואות זאלן ברענגן דעם תכלית, דאס ווענדט זיך אין אונזערע מעשים, און אין אונזערע תפלות.

**עס** איז דא א לאו אין די תורה, אז מען טאר נישט אראפשניידן א נגע. מען וואלט געקענט אוועקנעמען די נגע וואס ער האט, מען קען מאכן א אפעראציע און עס אראפנעמען. עס איז אבער דא א לאו השמר בנגע הצרעת (דברים כד-ח), מען טאר עס נישט אראפנעמען. ואת הנתק לא יגלח (ויקרא יג-לג) מען טאר נישט אוועקנעמען דעם נגע. שטייט אין די ראשונים, אז דער טעם דערפון איז, ווייל ווען א מענטש נעמט אוועק דעם נגע, מיינט ער אז זיין פראבלעם איז דער נגע, און אז ער האט אפגעווישט דעם נגע פון אינדרויסען, דערקענט מען עס שוין נישט. אבער באמת איז דאס נישט דיין פראבלעם, דאס איז נאר א סימן פאר דיר אז עס איז דא א פראבלעם, און כדי עס זאל אוועקגיין, דארפסטו פראבירן צו היילן דעם שורש דערפון. און אז דו וועסט טון וואס מען דארף צו טון, וועט דער אייבערשטער העלפן אז עס וועט אוועקגיין.

**און** דאס איז אונזער פליכט, ווען עס איז אזא מצב, וואס דער אייבערשטער האט געשיקט א קרבן פארן ציבור. מען האט פריער געהערט, אז עס איז ל"ע דא כמה חולי ישראל ביי אונז אין די קהלה. מען האט נישט אויסגערעכנט אלע וואס איז דא, דא אין בארא פארק און אין וויליאמסבורג, און עס איז דא אסאך מער וואס מען ווייסט נישט, וואס מען באהאלט און מען פארציילט נישט, פון וויפיל מען ווייסט יא. אלעס ווענדט זיך אין אונז. און וויסן אז עס קומט בשביל הרשעים, וועגן די וואס זינדיגען. ונאכל גדיש, דער איז נאר א קרבן אויף וואס עס האט פאסירט ביי יענעם, אבער עס איז אונזערע מעשים. און מיר דארפן זעהן מתקן צו זיין אונזערע מעשים וואס מיר קענען, און דעמאלטס וועט קומען די רפואה.

*

**די** תורה האט געהייסן, בדד ישב מחוץ למחנה מושבו (ויקרא יג-מו), אז דער מצורע זאל זיצען פאר זיך אליין. שטייט אין **אור החיים הק'** (פ' מצורע), אז געוועינליך זאגט מען, אז א צרעת קומט פון בדידות. ווען א מענטש איז אפגעזונדערט, ער האט מרה שחורה, ער האט נישט קיין פרייליכקייט אין זיין לעבן, דאס ברענגט צרעת. וואלט דאך געדארפט צו זיין די רפואה דערפאר, אז מען זאל דעם מענטש אויפלעבן, מען זאל אים טראגן אויף א פלאץ וואו מען קען גוט פארברענגען, מען קען זיך גוט אונטערהאלטען, און דאס וועט אים ברענגען די רפואה. די תורה זאגט אבער נישט אזוי, נאר בדד ישב מחוץ למחנה, טראג אים ארויס אויף א פלאץ וואו נארמאל ברענגט עס נישט א רפואה פאר צרעת. זיצן אפגעזונדערט אליין מחוץ למחנה, ברענגט נישט א רפואה. כדי ער זאל וויסן, אז די רפואה איז נישט דאס וואס ער מיינט אויסענווייניג אז עס איז די רפואה. בדד ישב מחוץ למחנה מושבו, ער זאל זיצען אינדרויסען אויף א פלאץ וואו עס ברענגט נישט א רפואה, און וויסן אז די רפואה איז אין די הענט פונעם אייבערשטען. גלייבן אז אלעס איז אין די הענט פונעם רבונו של עולם. און טאמער א איד וועט טון וואס מען דארף צו טון, וועט אוועקגיין דאס וואס דער אייבערשטער האט אים געשיקט.

**מען** האט פריער גערעדט וועגן די חשיבות פון תפלה, אז מען דארף מתפלל זיין, און גלייבן, אז יעדע תפלה וואס א איד דאווענט איז עושה רושם. **און מען זאל זיך היטן, נישט צו שמועסן ביים דאווענען, נישט אינמיטען פונעם דאווענען און נישט ביי קריאת התורה.** רעדן וועט מען פארדעם און נאכדעם, אבער נישט אין דעם זמן וואס מען דארף דאווענען, און עומד זיין בתפלה. איינע פון די זאכען פארוואס מען ווערט א מצורע איז, ווייל ער האט זיך נישט געהיטן דעם דיבור. זאת תהיה תורת המצור"ע (ויקרא יד-א) דרש'נט די גמרא (ערכין טו:) מוציא רע. צרעת קומט, ווייל ער האט גערעדט וואס מען דארף נישט. אז מען רעדט וואס מען דארף נישט, קומט נאך דעם א נגע.

**וועט** מען פרעגן דעם מענטש, פארוואס האסטו גערעדט וואס מען דארף נישט, וועט ער ענטפערן, ער קען זיך נישט צוריקהאלטען. ער איז אזוי צוגעוואוינט צו רעדן, און צו רעדן, אז ער קען זיך נישט צוריק האלטן. האט די תורה געהייסן פאר דעם מצורע, דו קענסט זיך נישט צוריק האלטען, בדד ישב מחוץ למחנה, גיי ארויס און זיץ אליין אויף א פלאץ וואו מען רעדט נישט, די זיבען טאג וועסטו נישט האבן צו וועם צו רעדן א ווארט, וועסטו זעהן אז מען קען שווייגן, און מען קען זיך צוריקהאלטען. ווען דו וועסט זיצען מחוץ למחנה, וועסטו זעהן אז ווען מען האט נישט מיט וועם צו רעדן רעדט מען נישט, און דו וועסט זיך צוגעוויינען צו האלטען דאס מויל, וועסטו נאכדעם ווען דו וועסט אריינקומען אין די מחנה, וויסן צו היטן אז מען זאל נישט רעדן.

**און אזוי דארף זיין ווען א איד קומט אריין אין שול דאווענען, ער קומט נאר צום רבונו של עולם, עס איז קיינער נישט דא, איך האב נישט מיט וועם צו רעדן, עס איז נאר דא איין רבונו של עולם אין שול, וואס צו אים קומט ער מתפלל זיין, און צו אים קומט ער אויסגיסען זיין הארץ, און אין זיין האנט ליגט אלעס, געזונט, פרנסה, נחת פון קינדער, אלעס איז אין די הענט פונעם אייבערשטען.**

*

**מען** האט היינט געזאגט ביי יום כיפור קטן, 'לכו ונשובה אל ה', דו דארפסט זיך צוריקקערן צום אייבערשטען, 'כי הוא טרף וירפאנו', ווייל דער אייבערשטער האט עס געברענגט, ער האט אונז צוריסען, ער האט אונז געשלאגן. 'יך', דער אייבערשטער איז דער וואס האט אונז געגעבן די קלעפ, 'ויחבישנו', און ער איז דער וואס טוט אונז היילן (הושע ו-א).

**אמאל** איז דא וואס דער 'טרף' אליין דאס איז דער 'ירפאינו', אסאך מאל טוט דער אייבערשטער צושיקען א זאך, כדי אונז אויפצווועקן, אז מיר זאלן מתפלל זיין. דאס אז דער אייבערשטער גיט אונז אמאל א זאך, כדי אונז אויפצווועקן צו דינען דעם אייבערשטען, דאס איז פאר אונז א רפואה. זאגט דער פסוק, 'לכו ונשובה אל ה', קערטס ענק צוריק צום אייבערשטען, 'כי הוא טרף', ווייל דאס וואס דער אייבערשטער טוט אונז שלאגן, דאס איז 'וירפאינו', דאס איז דער רפואה. 'יך', דער שלאגן אליין, 'ויחבישנו', דאס טוט אונז העלפן. ווען מען ווערט נתעורר, דאנקט מען נאכדעם דעם אייבערשטען, פארוואס דער באשעפער האט צוגעשיקט די פראבלעם, וואס האט אים מעורר געווען זיך צוריקצוקערן צום אייבערשטען.

**די** גמרא (ברכות יב:) זאגט, כל מי שאפשר לבקש רחמים על חבירו, און ער בעהט נישט קיין רחמים, ווערט ער אנגערופען א חוטא. ואם הוא תלמיד חכם, אויב ער איז א תלמיד חכם, צריך שיחלה עצמו עליו, איז מען מחוייב אזויפיל צו דאווענען אויף אים, ביז מען ווערט קראנק פונעם דאווענען. אזוי שטייט ביי משה רבינו, ויחל משה את פני ה' אלקיו (שמות לב-יא), משה רבינו האט אזויפיל געדאווענט פאר אידן, אז ער איז קראנק געווארן פון די תפלות.

**מען** רעדט דא פון א חבר פונעם כולל, וואס זיצט און לערנט שוין אזויפיל יארן על התורה ועל העבודה. אם הוא תלמיד חכם, צריך שיחלה עצמו עליו, מען דארף זיך פילן ווי דאס איז א אייגענע ווייטאג. ווען א מענטש איז ל"ע אליין נישט געזונט, דעמאלטס פילט ער עס, און ער דאווענט, ער איז מתפלל, און ער טוט וואס ער קען טון

צוצוברענגן זיין רפואה. ווען א תלמיד חכם שפירט זיך נישט גוט, דארף עס א מענטש אננעמען כאילו ער אליין וואלט נישט געווען געזונט. און וואס דו וואלסט געטון ווען דו אליין ביזט נישט געזונט, דאס זאלסטו אויך טון ווען דיין חבר איז נישט געזונט. 'אם הוא תלמיד חכם', אויב דער איז א תלמיד חכם, דארף מען נישט נאר סתם בעטן רחמים, נאר 'צריך שיחלה עצמו עליו', ער דארף זיך שפירן, ווי ער אליין וואלט געווען דער חולה. און וואס ער וואלט געטון, און מתפלל געווען פאר זיך, אזוי זאל ער טון פארן חבר.

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען מיט א רצון זיך צוריקצוקערן צום אייבערשטען. **מען האט פריער גערעדט, אז מען זאל נעמען אויף זיך, אז מען זאל נישט רעדן אין שוהל בשעת מ'דאווענט, על כל פנים ביז ל"ג בעומר. מען זאל אנהייבן אזוי ווי דער מצורע וואס איז געזעצן בדד מחוץ למחנה, אויך נאר אויף א קורצע זמן, כדי מען זאל זיך צוגעוואוינען זיך צוריקהאלטען פונעם רעדן.** און יעדער פאר זיך אליין ווייסט דאך נגעי עצמו, וואס ער קען האבען א תיקון. און וואס ער דארף האבן א תיקון, דארף ער זעהן דאס מתקן זיין.

*

**מען** האט פריער ארויסגעברענגט בנוגע די אינטערנעט וואס איז דא. וויפיל מאל מען רעדט דערפון האט עס נישט געברענגט דעם ריכטיגן רושם. **א איד דארף וויסן, אז א כלי אן א פילטער דאס טוט צוריקהאלטען אלע השפעות.** ער דרייעט זיך ארום מיט א שרץ בידו, ער איז א טובל ושרץ בידו, וואס כל מימות שבעולם קען אים נישט מטהר זיין.

**איך האב שוין געבעטן ז' אדר, אז ביז ראש חודש ניסן זאל יעדער איינער זעהן, אז אפילו ער האט א געפילטערט'ן טעלעפאן, זאל ער ארויפלייגן דערויף א סטיקער, אז עס איז אפגעהיטן. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו עס איז פון 'משומר', אדער 'גדר', אדער 'טע"ג', עס זאל האבן אויף זיך א סימבאל, אז עס איז כשר. א איד דארף נישט ארויסנעמען א כלי אין די הענט, וואס מען קען זאגן דערויף אז עס איז טריפה. ווען ער האט א סימן דערויף אז עס איז כשר, עס האט א צעטיל אדער א זיגעל דערויף אז עס איז גוט, איז ער מקדש שם שמים, אז ער גייט ארום מיט אן ערליכען טעלעפאן. און ער איז א מזכה את הרבים, אז ער גייט אזוי, וועט דער חבר אויך אזוי טון. ביז עס זאל אויסקומען, אז עס זאל זיין א בושה אז א מענטש זאל ארויסנעמען א טעלעפאון פון טאש, אנדעם וואס עס זאל האבן אויף זיך א כתב הכשר, אז דאס איז גוט.** קיינער וואלט נישט אריינגענומען אין שטוב א שטיקל פלייש, אויב עס האט נישט א הכשר וואס עס דארף צו האבן. די כלי איז א טריפה'נע כלי, און ביז עס האט נישט קיין זיגעל אויף זיך אז עס איז גוט, דארף מען אזא כלי נישט האלטן אין די הענט.

**און** אז מיר וועלן טון וואס מיר קענען טון, איז זיכער אז דער רבונו של עולם וועט זיך מרחם זיין אויפן כלל ישראל. שלח רפואה שלימה לחולי עמך, דער באשעפער זאל צושיקן א רפואה שלימה פאר אלע קראנקע. און אונז פון אונזער זייט, דארף מען מתפלל זיין, און מעורר רחמים זיין, ווען עס קומט אויס. ווען מען דערמאנט זיך אין א חולה, דארף מען אינזין האבן, און מתפלל זיין. עס איז נישט נאר אויף א חולה אליין, נאר אויך ווען מען ווייסט אז א חבר פלאגט זיך, אז מען ווייסט אז עס גייט נישט גוט ביי יענעם, דארף מען מתפלל זיין פאר יענעם, און זאגן א תפלה פאר יענעם. עס איז דאך אזוי חשוב וואס א איד איז מתפלל אויף א צווייטען.

**דער** אייבערשטער איז א שומע תפלה, ער הערט צו די תפלות, זאל דער באשעפער געבן, מען זאל קענען מתפלל זיין, עס זאל זיין אפשר לבקש רחמים על חבירו. דער באשעפער זאל מקבל זיין אלע אונזערע תפלות לרחמים ולרצון, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר האסיפה התקיים בחדר **רבינו שליט"א** שע"י הבית המדרש, האפשערן של בן הר"ר **שלמה יוסף ראאב** הי"ו.

*ערב שבת קודש פרשת תזריע*

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יצחק אייזיק ראזענבערג** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש בראשוב. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **אלי' בצלאל שפיץ** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש ספינקא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

*וזה תוכן הדברי תורה:*

**דוד** המלך זאגט אין תהלים (קמט-ו), רוממות א-ל בגרונם וחרב פיפיות בידם, לעשות נקמה בגוים תוכחות בלאומים. אין הייליגע ספרים שטייט, אז דא איז א רמז אויף די מצוה פון מילה, וואס מילה איז א חרב פיפיות, מען מל'ט מיט א סכין, וואס איז דא פיות פוןביידע זייטן, עס איז שארף און מען קען שניידן פון ביידע זייטן פונעם מעסער. און עס איז רוממות א-ל בגרונם, יודן טוען דאנקן דעם אייבערשטען, בשעת מען איז מקיים די מצוה פון מילה. - עס איז געווען מקומות וואס בשעת עס איז געווען א ברית מילה, האט מען געזינגען ביים דאווענען די פסוקים פון רוממות א-ל בגרונם וחרב פיפיות בידם.

**עס** קען זיין אז עס האט א שייכות מיט דעם ענין וואס מען האלט יעצט פאר פסח. רש"י (שמות יב-ו) ברענגט צו, אז בשעת מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, זענען יודן געווען ערום מן המצות, ואת ערום ועריה (יחזקאל טז-ז), זיי האבן נישט געהאט קיין זכותים אז זיי זאלן ווערן אויסגעלייזט, און דער אייבערשטער האט זיי געגעבן צוויי מצות, דם פסח און דם מילה, ואומר לך בדמייך חיי בדמייך חיו. אין דעם זכות וואס יודען האבן מקיים געווען די צוויי מצות וואס איז פארבינדען מיט דם פסח און דם מילה, האבן זיי זוכה געווען צו די גאולה. זעהט מען, אז די מצוה פון מילה איז מקרב די גאולה. יודען זענען געווען אין מצרים, און מען האט נישט געהאט קיין זכותים, און דורך די מצוה פון מילה האט דער אייבערשטער אויסגעלייזט יודען. און אזוי אויך אין דעם גלות וואס מיר זענען היינט, דער זכות וואס יודען זענען מקיים מצות מילה, אפילו פשוטע יודען מל'ן זייערע קינדער, דער זכות וועט עומד זיין פארן כלל ישראל, אז דער אייבערשטער זאל שיקן די גאולה.

**לעתיד** וועט דער אייבערשטער אוועקנעמען די רוח הטומאה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (זכריה יג-ב) ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ. דער אייבערשטער וועט אוועקנעמען דעם ס"מ, דער יצר הרע, דער מלאך המות, וואס אלע זענען די זעלבע. אין הייליגע ספרים שטייט, אז דער נאמען פונעם ס"מ איז סמא"ל. מען רופט אים ס"מ, אבער אין זיין נאמען איז צוגעשטעלט די אותיות א"ל. און דעם אייבערשטען'ס נאמען וואס ליגט אין זיין נאמען, דאס איז די חלק הקדושה וואס גיט אים חיות. לעתיד לבא וועט דער אייבערשטער אוועקנעמען די אותיות א"ל פונעם ס"מ, וועט ער נישט האבן קיין חיות, און דורך דעם וועט דער אייבערשטער מעביר זיין די רוח הטומאה.

**זאגט** מען ביים דאווענען, 'רוממות א"ל בגרונם', יודען זענען מתפלל בגרונם אויף רוממות א"ל, אז מען זאל שוין אוועקנעמען דעם א"ל פונעם ס"מ. איי מען האט נישט קיין זכותים, אבער 'וחרב פיפיות בידם', יודען האבן די כוח פון חרב פיפיות, וואס מען מל'ט זייערע קינדער. און מען האפט אויף לעשות נקמה בגוים תוכחות בלאומים, אז דער אייבערשטער וועט אויסלייזן יודען, און ווייטער טון אזוי ווי דעמאלטס, כימי צאתנו מארץ מצרים, זאל דער אייבערשטער טון נקמה בגוים. און דער באשעפער זאל מקיים זיין, גם את בדם בריתך שלחתי אסיריך (זכריה י-יא), אין זכות פון ברית מילה זאלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה, במהרה בימינו אמן.

*

*שבת קודש פרשת תזריע*

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ה' ניסן), **ומהרה"ק רבי יצחק מדראהביטש זי"ע** (לרגל היומא

דהילולא ביום ו' ניסן). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אברהם ברוך באבאד שליט"א**.

לפני תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** בחברת תהלים של ילדי קהלתנו הק'. **רבינו שליט"א** דיבר לפניהם אודות מעלת הכלל ישראל שנמשלו ללבנה שמתחדשת בכל חודש, ללמד שלא להתייאש אלא יחדש עצמו בכל זמן כהלבנה. ועורר על חשיבות התפלה של תינוקות של בית רבן, וביקש מהם לעמוד בעת תפלת שמונה עשרה (הן בשטילע שמו"ע והן בחזרת הש"ץ) ליד אביהם, ולענות קדושה ואמן יהא שמיה רבא בקול רם.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **ישראל לעפקאוויטש** הי"ו. והתקיים הבאווארפן של החתן **יקותיאל שמואל** נ"ו, בן הרה"ג רבי **בנימין פאפלאנאש** שליט"א. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות.